# חלק יח – שבועות ב

## משה דוד הבעש״ט*

**ס״ב- [בגדר מלכות משה – ראה לקו״ש חכ״ג פינחס ב׳, ח״מ (א׳) ע׳ 301 ואילך.]**

**ס״ג- יהודי צריך להתנהג כמלך – עד״ז בשי׳ י׳ שבט תשל״ה ס״ב. ובכ״מ. ולהעיר גם משי׳ ב׳ דחה״ש תשל״ו. (כל יהודי נוגע לשלימות המלכות).**

**ס״ט (והע׳ 42)- התגלות הבעש״ט בזמן התעלפות– ראה לקו״ש ח״ב ע׳ 472-3 ובכ״מ.**

**סי״א- משה ודוד- תורה ותפילה, ראה שי׳ ב׳ דחה״ש תשד״מ (התכללות ולהעיר משי׳ ב׳ דחה״ש תשל״ה באו״א (משה-חכמה, דוד-מלכות, זב״ז) בעש״ט-כתר עיי״ש הביאור.)**

*בהיות שהשייכות דמשה דוד והבעש"ט זל"ז ולחה"ש נתבאר בריבוי התוועדויות במשך השנים (והתחלת השיחה "מ'האט שוין פיל מאל גערעדט" וש"נ) ובכו"כ ביאורים שונים, וקצרה הזמן והיריעה מלכתוב סקירה מקיפה בכל הנושא, לכן נתמקד כאן בעיקר על הביאור דשיחה זו המבאר השייכות ביניהם בענין המלוכה וההתנשאות. ותן לחכם ויחכם עוד.
מההתוועדויות שנת' הקשר ביניהם: הת' ב' דחה"ש תשי"ז, י"ט, כ"ו, כ"ז (לקו"ש ח"ח), כ"ח, ל"ב (לקו"ש הנ"ל בהוספות), ל"ד, ל"ה, ל"ו, ל"ז (שיחה דידן) ל"ח, מ', מ"ב, מ"ג, מ"ד, מ"ה, מ"ז, מ"ח, מ"ט, נ. ועוד.

*הציונים כאן הן ב**נוסף** על המראי מקומות שבגוף ההערות דשיחה זו.
לתגובות והערות
sichaharchovo@gmail.com

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ס׳מוז זיין "יגעת", אז ניט נאר ער ווערט ניט נתרשם און ווערט ניט נתפעל פאר שווערקייטן, נאר ער איז זיך מתגבר אויף די שוועריקייטן, און מאכט איבער עס זאל ווערן אתהפכא חשוכא לנהורא, ומרירו למיתקא (ראה תניא פ"י מהקדמת הזהר) — ער מאכט פון די זאכן אין וועלט וואס ווייזן זיך אויס לכתחילה אז זיי זיינען א שטער, אז זיי זאלן ווערן "מיתקא" און "נהורא", זיי זאלן ווערן זיס און ליכטיק, און זיי זאלן מסייע זיין אויף ליכטיקער מאכן די וועלט, וואס צוליב דערויף דארף ער זיין העכער פון די שטערונגען פון וועלט, און פון די גשמיות און די גראבקייט און חומריות פון דער וועלט,

און בשעת ער איז דעמולט ממלא די שליחות פון "ומלאו את הארץ וכבשה" (בראשית א, כח), (וואס איז געגעבן געווארן צו אדה"ר, אין אן אופן אז ער זאל דאס איבערגעבן צו אלע וואס זיינען באשאפן געווארן — די וואס קומען ארויס מזרעו של אדם וואס דאס זיינען דאך אלע מענטשן), אז מ׳נעמט איין די וועלט, ביז ווי דער לשון איז "וכבשה", וואס כיבוש איז פארבונדן מיט דעם ענין פון מלכות ונשיאות, וואס דער אמת׳ר ענין פון כבוש, איז ווען ס׳איז פארבונדן מיט א מלך (ראה שו"ע אדה"ז הל׳ הפקר והשבת גבול סעיף ג. ע"ש),

ד.ה. אין אנדערע ווערטער — אז יעדער מענטש איז ערווארטעט אז ער זאל ווערן א מלך אויף זיינע ד׳ אמות, אין זיין הויז, אויף ניט רעכענען זיך, ניט נתפעל ווערן פון די שטערונגען, און מאכן אז די הויז זאל זיין א משכן לו ית׳ — ושכנתי בתוכם — (שמות כב, ח) בתוך כל אחד ואחד.

און אט די וואס האבן בהשגחה עליונה א שליחות אויף משפיע זיין ניט נאר אין די אייגענע ד׳ אמות, נאר אויך אין א גאנצע שטאט ארום זיך, אט דעמולט ווערט ער א נשיא ומלך אין דער גאנצער שטאט,

און דער וואס קען משפיע זיין אין דער גאנצער מדינה, ווערט ער א מלך ונשיא און האט די שליחות אויף דער גאנצער מדינה, ביז וואנענט אז ס׳איז דא דער "חד בדרא" ווי די גמרא זאגט (כתובות יז, א), אדער "תרי בדרא" וואס אט דעמולט איז — "איפסיק עמודה דנהורא בין דידי׳ לכו"ע — דערפאר קען ער ליכטיק מאכן אין דער גאנצער וועלט.

אין אן אנדער סגנון; לויט דעם משטר המדינה, איז כדי מ׳זאל קענען אויפטאן בעסער, קלייבט מען זיך צוזאמען און מ׳פאראייניקט זיך אין א "קלאב" — אין א ארגון וואס איז פארבונדן מיט א באשטימטער שכונה, און כדי דאס זאל האבן א קיום, דארף מען האבן איםעצן וואס זאל דערמיט אנפירן, ועד"ז קלייבן זיי זיך דערנאך צוזאמען און ס׳ווערט די זעלבע זאך אויף דער גאנצער שטאט, און דערנאך ווערט די זעלבע זאך אויף דער גאנצער מדינה, אדער פריער אויף דער גאנצער מפלגה און דערנאך אויף דער גאנצער מדינה,

און אט דא קומט די הויפט שוועריקייט: קיינער ווערט ניט געבארן גלייך א נשיא א מלך א מנהיג, א מענטש בתחלתו איז א מלך מערניט ווי אויף זיך אליין, אין זיינע ד׳ אמות, דאס איז גלייך ווי ער ווערט בר מצוה, האט ער שוין די שליחות אויף זיין "עיר קטנה" (קהלת ט, יד) "זה הגוף" (נדרים לב, ב), ער זאל ניט נתפעל ווערן פארן "מלך זקן וכסיל" (זח"א קעט, ב), נאר ער זאל ווערן דארט דער מושל ושולט און ווי געזאגט פריער אתהפכא חשוכא לנהורא, ומרירו למיתקא, ער זאל ווערן דער מלך פון זיין גוף.

דערנאך בשעת ער וואקסט אויס און מ'מאכט אים פאר א מלך אויף זיין גאנצער משפחה, פאר א נשיא אויף זיין משפחה, איז אט דא קומט די שווערקייט – ער זאל זיך צוגעוויינען אויף ניט מלחמה האבן פאר די תועלת פון זיין גוף ווען דאס שעדיקט דער משפחה – ווארום ער איז דאך געוויינט געווארן זיין א מלך על גופן – איצטער דארף ער וויסן אז ער האט א שליחות וואס איז חשוב'ר; אז דער רבים (וואס דאס איז די משפחה) קומט פאר דעם יחיד – "יחיד ורבים הלכה כרבים" (ברכות ס, א), במילא בשעת ס'איז דא א סתירה, דארף ער אופגעבן דעם עניין פון דעם יחיד צוליב דעם תועלח הרבים, ובפרט נאך ווי תורה איז דערנאך מסביר, אז סוכ"ס ווערט דאס אויכעט א טובה פאר דעם יחיד אלס יחיד,

עד"ז אויכעט ווען ער ווערט דערנאך א משפיע און א מנהיג אין א גרעסערן קרייז – ער איז דאך געוויינט געווארן אלץ א אנפירער פון א איינגערע קבוצה, און געוויינט געווארן אויף מגין זיין (משאו ומתנן באמונה) – אויף סאן באמונה צוליב דער תועלת פון דער קבוצה, איז ווען מ'קלייבט אים אויס און מ'מאכט אים פאר א מנהיג און א נשיא אויף א גרעסערן עניין וואס איז כולל אין זיך כו"כ קבוצות, אט דעמולט האט ער א ספעציעלן נסיון – גיט מען אים אבער די כחות אויף איבערקומען דעם נסיון, אויף ניט מלחמה האבן פאר דער קבוצה אנטקעגן דער תועלת הרבים פון אלע קבוצות, נאר אדרבה מסביר זיין זיך און ארום זיך, אז יחיד ורבים הלכה כרבים,

ועד"ז דרגא ע"ג דרגא, ביז וואנענט מ'קומט צו דעם "נשיא (ומלך) שאין על גביו אלא ה' אלקיו" ווי די גמרא זאגט אין הוריות (יא, ב), וואס בא אים דארף זיין דער עיקר: "איש אשר יצא לפניהם ואשר יבוא לפניהם" (במדבר כז, יז), אעפ"י וואס דערמיט איז פארבונדן ניט ווי ער איז געווען געוויינט פאר דעם ווען עס איז געווען "קטן אתה בעיניך" (שמואל א טו, יז), און אט דעמולט קומט ארויס דערפון אויכעט דער תועלה פאר כל אנשי המדינה. און וויבאלד אז "אפילו ריש גרגיתא מן שמיא מנו לי'" (ברכות נח, א), איז דאך א זיכערע זאך אז מ'גיט אים כחות ער זאל אנפירן מיט דער שליחות כדבעי.

וואס דאס האט מען אויך געזען ביי דעם בעל ההילולא, אז אעפ"י וואס איידער ער איז געווארן דער מנהיג חב"ד <u>בפועל</u>, איז עיקר עסקו – וואס ער האט זיך פארנומען – געווען מיט א איינגערן קרייז, דערנאך בשעת ער איז געווארן נשיא חב"ד בפועל, האט ער זיך פארנומען בעיקר מיט דאס וואס איז נוגע <u>לכל</u> עניני חב"ד, אעפ"י וואס צוליב דערויף האט ער געדארפט אפגעבן מערער פון זיין צייט – לשלימות היחיד ולתועלת היחיד.

און דערנאך בשעת ס'איז געקומען אן "עת צרה היא ליעקב" (ראה ירמי' ל, ז) און ער איז געווארן, דורך דער השגחה העליונה, דער מנהיג-דער נשיא – של כל ישראל, האט ער זיך אויך פארנומען דערמיט, ס'זאלן געדרוקט ווערן אל"ף ביח"ן, מ'זאל מאכן חדרים, מ'זאל לערנען דער אל"ף בי"ה פון אידישקייט, אעפ"י וואס צוליב דערויף, האט ער געדארפט אראפ-נעמען פון דער צייט וואס ער האט געקענט אפגעבן אויף הפצת חסידות, און קבלה און רזין ורזי דרזין דאורייתא.

און ווי געזאגט פריער, אז ס'דארף זיין "זרעו בחיים", אז יעדערער האט זיך די שליחות צו זיין א מלך ונשיא אויף זיך אליין, ניט רעכענען'דיק זיך מיטן "אל זר אשר בקרבך" (ראה שבת קה, ב), מיטן "מלך זקן וכסיל", צו זיין – בשעת ער האט חתונה – א מלך ונשיא בביתו, אז די הויז זאל

זאל זיין "ושכנתי בתוכם" - יעדער אידישע הויז זאל זיין א בית המקדש לו ית',

און אט די וואס די השגחה העליונה האט זיי געגעבן א נשיאות און א מינוי, אויף כמה הייזער, אויף כמה קבוצות, און כמה שכונות, און אויף כמה שטעט דארפן זיי אויכעט וויסן אז עיקר תפקידם איז - זוכן דעם טובת הכלל, און דעמולט וועט זיכער אויך אין דעדויף סוכ"ס זיין דער טובת היחיד,

און ווי געזאגט פריער אז אויך אין דעם איז דא די הוראה ונתינת כח פון בעל ההילולא; ווי ער שרייבט בנוגע צו זיין פאטער, אז אן אמת'ר רועה איז לא יעזוב צאן מרעיתו, און ער איז עומד ומשמש במרום און זעט אז די ארבעט און די שליחות זאל אנגיין ווייטער.

ביז צו דער תנועה (ווי געזאגט פריער), אז יעדערעד וואס ווערט אויס געקליבן צו א מינוי מיוחד, גיט ער אויף די עניני תועלת של הקבוצה שמתחת לזה - פון דער קלענערער קבוצה - אויבדאס קומט געגן די תועלת פון כמה קבוצות, און אט דעמולט (סוף כל סוף) איז דאס אויך א תועלת פאר די קבוצה מצומצמת מיט וועלכע ער איז געווען פארבונדן פריער,

און תכלית הכל איז דאך "לעשות לו ית' דירה בתחתונים", אז מ'וויל אז דער ממה"מ הקב"ה זאל זיין ניכר, אז "לית אתר פנוי מיני'" - וואו מ'גיט זיך נאר א קער דערזעט מען ג-טליכקייט, ווארום ס'פירט זיך מיט צדק ויושר, און מיט יהדות - לימוד התורה וקיום מצותי',

איז אט דעמולט א זיכערע זאך אז ס'ווערט דער "ונתתי שלום בארץ" (בחוקותי כו, ו) כפשוטו - אין ארץ הקדש, און "ונתתי שלום בארץ" אין א ברייטערן זין - אין דער גאנצער וועלט ארום אונז, וואס אט דעמולט קען מען דאך טאן אין הפצת היהדות, אין הפצת הצדק והיושר ביתר שאת וביתר עוז און מיט א הצלחה רבה ומופלגה.

ג. אלס א המשך און פארזעצונג צו דעם וואס ס'האט זיך פריער גערעדט, ובפרט אין צוזאמענהאנג מיטן ציווי "ודרשו את שלום העיר גו' והתפללו בעדה" (ירמי' כט, ז), אז מ'דארף רעדן וועגן דער (כבוד) אכסניא (ראה ברכות סג, ב), און בפרט אז דאס איז פארבונדן מיט דעם בעל ההילולא,

וכידוע אז בעת המאסר האט די ממשלה פון ארה"ב - פון די "יונייטעד סטייטס" - גענומען א גרויסן אנטייל אין זיין באפרייונג, און אויך - אנקומענדיק דערנאך אין ארה"ב, ווייס מען דאך דעם סיוע מיט די השתדלות וואס איז געווען פון ממשלת ארה"ב בנוגע צו זיין הצלה, ובנוגע צו זיין קומען, און דערנאך אויכעט בנוגע צו זיין איינאדרדענען זיך דא.

דאס הייסט, אז דער "ודרשו את שלום העיר גו' והתפללו" איז ניט נאר אויף דעם ענין פון הווה און עתיד, נאר ווי מען האט דאס שוין געזען בעבר, די ספעציעלע פארבונדנקייט און די הכרח תודה וואס מ'האט פון זיי, אז זיי זיינען געווען די שלוחים פון דעם אויבערשטן - וואס "לב מלך ביד השם" (משלי כא, א) - דורכצופירן די הצלה פון דעם בעל ההילולא,

און ווי ער שרייבט אין זיין מכתב הידוע (נדפס בסה"מ תש"ח ע' 263 ואילך) פון י"ב תמוז, בנוגע צו הצלתו מבית האסורים, וואס עד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דער הצלה שלאח"ז, אז דאס איז ניט נאר אן ענין וואס איז נוגע צו איט און צו די וואס גייען בדרכיו, נאר ס'איז נוגע צו גאנץ כלל ישראל, ביז צו "כל אשר בשם ישראל יכונה" - ד.ה. אז דורך זיין הצלה איז אויך געווען א הצלה פאר אלע סוגים אידן, ביז צו דעם סוג אשר בשם

אַ מצב פון התעלפות. דערפאַר איז דעמאָלט נתגלה געוואָרן דער בעל שם טוב, וואָס ער האָט געהייסן מיטן אַלגעמיינעם נאָמען פון אידן — ישראל, וואָס דורך דעם האָט ער זיי אָפּגעמינטערט. אַזוי ווי מען זעט, אַז ווען איינער איז פאַר'חלש'ט בהתעלפות גדולה, איז דורך דעם וואָס מען רופט אים ביים נאָמען, כאַפּט ער זיך אויף פון זיין התעלפות.

כג. דער ביאור פון דעם איז:

אין חסידות רעדט זיך אַרום דער טעם פאַרוואָס דורך קריאה בשם וועקט מען יענעם אויף פון זיין התעלפות, ווייל די התעלפות פועל'ט אַ העלם וסילוק החיות נאָר אין דעם חיות הגלוי, אָבער ניט אין עצם הנשמה, דאָס הייסט נאָר אין כוחות וחיות הגלוים, אָבער ניט אין עצם החיות, און אויף דעם העלפט די קריאה בשם, ווייל דער שם איז ממשיך דעם עצם, וואָס דאָס איז געבליבן גאַנץ.

ווייל דער ענין פון אַ שם, וואָס מען רופט אים מיט דעם נאָמען דוקא, איז דאָס ניט אַן ענין הסכמי בעלמא, נאָר ווי עס שטייט אין כתבי האריז"ל, אַז מען גיט אַריין מלמעלה אַ דיעה אין די עלטערן פון קינד, מען זאָל דעם קינד געבן דעם נאָמען וואָס איז מתאים און פאַרבונדן מיט דער נשמה, וואָס גייט אַריין אין דעם קינד, ביי אַ אינגל צום ברית, וואָס דעמאָלט איז די התחלת כניסת נפש האלקית[37], און ביי אַ מיידל — וואָס אשה כמאן דמהילא דמיא[*37]) — בשעת העלי' לתורה.

און ווייל דער שם איז פאַרבונדן מיטן עצם הנשמה, דערפאַר האָט דער שם בכוח צו ממשיך זיין און מגלה זיין פון עצם הנשמה אין די כחות הגלויים, וואָס דורך דעם מינטערט מען אים אָפּ פון זיין התעלפות.

כד. כשם ווי דאָס איז באדם הפרטי, אַזוי איז דאָס אויך בכללות הקומה פון אידן, וואָס דער בעש"ט האָט אָפּגעמינטערט אידן פון זייער התעלפות.

דער רמז פון זיין נאָמען — ישראל — באַווייזט אויף דעם פנימיות הענין, אַז עניני הבעש"ט טוען אויף דאָס וואָס קריאת השם טוט אויף כנ"ל.

מצד די גזירות ושמדות וואָס זיינען געווען אין יענער צייט, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות, זיינען די אידן געווען אין אַ מצב פון התעלפות. דאָס מיינט ברוחניות אַ העלם וסילוק אין אַלע מדריגות ביזן עצם, ווייל דער עצם פון אַ אידן איז אַלעמאָל גאַנץ.

כה. די התגלות פון נשמת הבעל שם טוב, דערנאָך די הנהגות זיינע ותורתו תורת החסידות, וואָס ער האָט מגלה געווען, האָט דערגרייכט אין דעם עצם פון אידן, און האָט עס ממשיך געווען, אַז דאָס זאָל אַראָפּקומען אויך אין כחות הפנימיים.

דערפון פאַרשטייט מען, אַז דער ענין החסידות איז ניט נאָר פאַר אַ געוויסער כתה אָדער אַ מפלגה, נאָר דאָס איז פאַר אַלע אידן.

---

37) שולחן ערוך אדמו"ר הזקן סוף מהדורא בתרא.

*37) עבודה זרה כו, א.

וויבאַלד אַז חסידות דאַרף מעורר זיין אידן פון התעלפות דורך צוקו־מען צו זייער עצם, איז דאָך דאָס שייך ומוכרח פאַר אַלע אידן.

כו. לימוד תורת הבעש"ט, — ובפרט ווי דאָס איז אַרויסגעגעבן גע־וואָרן אין הבנה והשגה, בכדי מען זאָל דאָס האָבן אין אַ פנימיות, דורך דעם אַלטן רבי'ן אין תורת החסי־דות חב"ד — והנהגה בדרכי החסי־דים, רירט אָן אין עצם און עס איז ממשיך אין די כחות הגלוים, אַז אויך זיי זאָלן זיין פאַרבונדן מיטן אויבערשטן.

און דעם ענין האָט דער בעש"ט אויפגעטאָן ניט נאָר פאַר זיין דור, נאָר פאַר אַלע דורות ביז משיח'ן, און דעם כוח האָט ער אַריינגעגעבן אין זיין תורה, תורת החסידות, ודר־כי החסידות, אַז דורך דעם ווערט מען נתעורר פון דער התעלפות.

און דאָס איז דער טעם וואָס ביאת המשיח איז תלוי בהפצת מעיינות תורת הבעל שם טוב, ווי עס איז ידוע דער ענטפער וואָס דער בעל שם טוב האָט בעת זיין עליית הנשמה באַקומען פון משיח'ן, אויף דער שא־לה אימתי קאתי מר, האָט אים משיח געענטפערט, — לכשיפוצו מעיינותיך חוצה [38].

ווייל דורך הפצת מעיינות תורת הבעש"ט ווערן אידן נתעורר פון זיי־ער התעלפות, עס ווערט גילוי העצם וואָס דאָס ברענגט ביאת המשיח [39].

כז. פון דעם איז אויך מובן, אַז מדור לדור וואָס דער חושך ווערט גרעסער און במילא ווערט גרעסער די התעלפות, דאַרף מען מער אָנקו־מען צו תורת החסידות.

און דערפאַר האָבן רבותינו מדור לדור אַלץ מער מגלה געווען און מפרסם געווען תורת החסידות, סיי דורך דעם וואָס מען האָט אַראָפּגע־טראָגן חסידות מערער אין הבנה והש־גה, און סיי אין דעם ענין הפרסום, מען האָט עס מערער מפרסם גע־ווען, בכדי אַז דאָס זאָל אָנקומען צו אַלע אידן.

איז דאָך מובן דער גרויסער חוב און גרויסער זכות וואָס יעדער איי־נער האָט אויף להפיץ מעיינות תורת החסידות ודרכי החסידות — חוצה. וואָרום בדורנו זה, וואָס דער חושך ווערט אַלץ גרעסער, מוז מען נאָך מער צו דעם אָנקומען.

און דורך דעם יפוצו מעיינותיך חוצה וועט מען זוכה זיין צו דעם קאתי מר במהרה בימינו.

* * *

כח. אין עבודת ה' זיינען פאַראַן צוויי אופנים: א) סור מרע, ב) ועשה טוב, דאָס מיינט אַז ער טוט בעיקרו אין דעם ועשה טוב, ובמילא האָט ער קיין שייכות ניט צו רע.

דער חילוק פון די צוויי דרכים אין עבודה איז דאָס בכלל דער חילוק צווישן דעם דרך פון מוסר און דעם דרך פון חסידות.

מוסר איז (בעיקרו) אַ דרך פון סור מרע. ער טראַכט אין דעם ווי רע ומר עזבך את הוי' [39*], ווי עס איז ניט גוט דער צד השמאל, יצר הרע, ובמילא איז ער אים דוחה, אין אַן אופן פון סור, דורך תעניתים וסיגו־פים.

---

38) זע אויבן הערה 24.

39) ראה אגרת הקודש סי' ד.

*39) ירמי' ב, יט.

ניט, און אין אן אופן פון לא תגורו מפני איש (דברים א, יז), און דאס דארף זיין מיטן תוקף פון א מלך, וואס מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול.

און ווי דער רמב"ם (הל' מלכים פ"ב ה"ה) זאגט אז אע"פ וואס יהושפט פלעגט מכבד זיין ת"ח וכו', אעפ"כ בשעת המלכות דארף זיך א מלך פירן איך אן אופן פון הרחבה, ווארום אע"פ אז קטן אתה בעיניך, איז דאך ראש אלפי ישראל אתה (שמואל א' טו, יז), ועאכו"כ אז אזוי איז אויך געווען ביי דוד, ועד"ז דארף אויך זיין ביי מאן מלכי רבנן, ווארום דורך תורה איז בי מלכים ימלוכו, ווי דער רמב"ם (הל' ת"ת רפ"ג) זאגט אז ס'איז דא שלשה כתרים: כתר כהונה, כתר מלכות, און כתר תורה, און כתר תורה איז גרעסער פון די אנדערע צוויי, ווארום בי מלכים ימלוכו.

עד"ז זעט מען אין דעם ענין המלוכה אז דארטן איז נוגע אפי' א פרט קטן, אז יעדער איד ווי קליין ער זאל נאר זיין איז ער נוגע אין דעם ענין המלכות. ווי מ'זעט דאס פון דעם היפך, אז אפי' דער קלענסטער מענטש וואס געפינט זיך אין מדינת המלך, איז אויב ער איז מחוי במחוג קמי' מלכא, הייסט דאס א מרידה במלכות (חגיגה ה, ב), וואס לכאו' איז דאס ניט פארשטאנדיק, מ'זאגט דאך "שממית בידים תתפש והיא בהכלי מלך" (משלי ל, כח), איז וואס פארא תפיסת מקום האט דאס וואס ער איז מחוי במחוי אז דאס זאל הייסן א מרידה במלכות?

איז דער ביאור בזה, וויבאלד אז זיין גאנצע מציאות איז דאס וואס ער איז שייך צו דעם מלך, און ער געפינט זיך אין זיין מדינה, דערפאר דארף ער זיין אין אזא תנועה ס'זאל ניט זיין דער היפך הנהגת המלכות, און דאס איז נוגע צו די שלימות פון דעם מלך.

יעדער ענין וואס איז א הוראה פאר אלע אידן, דארפמען דאס ניט זוכן אין חלק הסוד צי רמז ודרוש שבתורה, נאר אין חלק הפשט, ועד"ז בנדו"ד:

מ'געפינט אין תורה א סיפור אז ס'איז געווען אחת היתה ופרסמה הכתוב (רש"י אמור כד, יא), אז אלע אידן זיינען געשטאנען אין דעם נסיון פון צניעות במשך פון מאתים ועשר שנים וואס מ'איז געווען אין מצרים, וואס בגופם שלטו אבער ניט בנשותיהם (רש"י פנחס כו, ה), ס'איז געווען מערניט ווי אן איין און איינציקע, און דאס איז אויך געווען א טעות און אן אונס און בלילה, און די תורה איז מפרסם ווער דאס איז געווען, און די תורה דערציילט אז זי האט געהאט א זון, וואס ער איז געווען "בן איש מצרי" (שם י), און מ'האט אים איינגע'רוגז'ט און "ויקוב .. את השם ויקלל", וואס לכמה דעות (ראה סנהדרין נו, א) איז דאס דוקא ביי דעם שם המפורש, און דערפון איז געווארן א גאנצן שטורעם, און משה האט ניט געוואוסט וואס איז דער דין, און ער האט געפרעגט דעם אויבערשטן, און דער אויבערשטער האט אים געענטפערט, און דערפון ווערט א גאנצע פרשה אין תורה.

וואס לכאו' איז דאס אינגאנצן ניט פארשטאנדיק, וואס פארא תפיסת מקום האט דאס ביי דעם אויבערשטען אז א איד א פחות האט נוקב שם געווען, ובפרט אז דאס איז דאך ניט געווען מצ"ע און מיט א כוונה וכו', נאר דערפאר וואס מ'האט אים ניט געלאזט אוועקשטעלן זיין אוהל ביי קיין שבט (רש"י שם), און דערפאר איז ער געווארן ברוגז און האט נוקב שם געווען, איז וואס פארא תפיסת מקום האט דאס, ביז אז דאס זאל ווערן א גאנצע פרשה?

איז דער ביאור אין דערויף, אז דוקא מצד דעם גדלות פון דעם מלך, וואס אין מלך בלא עם, וואס עם איז מלשון עוממות (לקו"ת בלק סח, א),

- איז -

איז דארטן נוגע יעדער פרט, וואס דערפאר אפי' ווען ס'רעדט זיך וועגן בן איש מצרי, אבער ער איז דאך א איד, ווארום ער איז בן האשה הישראלית, איז אפי' בשעת אז מצד א סיבה צדדית האט ער געזאגט כך וכך, ווערט דערפון א גאנצן טומל אין תורה, ביי משה און זקני ישראל, און מ'לערנט אראפ דערפון כו"כ הלכות אין תורה.

וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק אויף וויפל איז נוגע באווארענען אפי' א קטן שבישראל, און ניט נאר באווארענען אז ביי אים זאל ניט זיין קיין ענין פון מרידה לשם מרידה, נאר אפי' אין אן אופן ווי ס'איז געווען דא אז דאס איז געווען צוליב א סיבה צדדית, ווארום דער פרט איז אויך נוגע, ביז אז דערפון ווערט א גאנצע פרשה אין תורה, און מ'לערנט אפ דערפון כו"כ הלכות.

און ווי דער רבצ'ובער זאגט אז יעדער פרט אין תורה איז אן ענין נצחי, אפי' א סיפור אין תורה איז דאס אויך א הוראה, וואס די הוראה איז אז אפי' ווען ס'רעדט זיך וועגן א בן האשה הישראלית וואס ער איז א בן איש מצרי, דארפמען אויך לייגן השתדלות מ'זאל אים ניט מכעיס זיין, כ"ז אז מ'איז ניט בטוח אז דערפון וועט ניט ארויסקומען קיין ענין בלתי רצוי, און אפי' אז מ'איז טאקע גערעכט, ווארום דער בן איש מצרי האט ניט קיין ארט צווישן די דגלים, ווארום די דגלים זיינען דאך לבית אבותם, אעפ"כ וויבאלד אז דערפון איז ארויסגעקומען אן ענין בלתי רצוי, האט דאס ניט געטויגט, ווארום יעדער פרט וואס ס'איז דא ביי א אידן איז דאס נוגע.

און דערפון איז פארשטאנדיק עאכו"כ בנוגע צו א אידישער קינד אז מ'דארף איינלייגן וועלט בנוגע צו זיין הנהגה, און באווארענען אז זיין הנהגה זאל זיין כדבעי, און ניט טענה'ן אז ער ווייסט ניט צי ער וועט מצליח זיין אין דערויף, דערפאר וויל ער ניט טאן אין דערויף, ווארום ווער ווייסט צי ער וועט קענען עפעס אויפטאן, איז אויף דערויף דא די הוראה פון דעם ענין המלכות אז דארטן איז יעדער פרט נוגע, איז דאך פארשטאנדיק אויף וויפל דארף זיין די השתדלות בנוגע צו א אידישער קינד.

וואס דאס איז כללות ההנהגה און די הפלאה וואס איז געווען ביי דוד'ן, וואס אע"פ אז זיין מלוכה איז געווען אין אן אופן פון גבורות ובתוקף הכי גדול, ווי ס'שטייט אויף אים "דם לרב שפכת" (דה"א כב, ח), ביז אז דערפאר האט ער ניט געקענט בויען דעם ביהמ"ק, נאר דוקא שלמה, איז צוזאמען דערמיט זאגט מען אז בנוגע צו די צאן איז זיין הנהגה געווען בתכלית הרחמנות, ווי דערמאנט פריער דעם מדרש.

וואס דאס איז דער ענין וואס ביי דוד איז געווען די הנהגה פון גלי מסכתא, אז ער האט געלערנט תורה מיט אנדערע, וואס דערפון איז דא די הוראה אז מ'דארף מחנך זיין יעדער אידישער קינד אין א חינוך עפ"י תורה, און אין אן אופן אז ער זאל זיין טופח ע"מ להטפיח, ועד"ז זאגט מען ביי דוד אז ער האט גע'דאגה'ט אויך צו פרנסה כפשוטה, אז בשעת מ'זאגט אים עמך ישראל צריכין פרנסה, איז איידער ער פרעגט צי אידן זיינען צדיקים גמורים צי ניט, איז ער מפסיק פון זיין זאגן תהלים, און אנשטאט ריידן מיט די סנהדרין אין תורה, רעדט ער מיט זיי וועגן פרנסה פון אידן, און זאגט לכו ופשטו ידיכם בגדוד וכו', מיט די גאנצע שקו"ט (ברכות ג, א). און בשעת עצרת איז חל בשבת, דעמולט זיינען אלע הוראות פון דוד'ן מער בהדגשה.

און אויף דערויף זאגט מען אז צווישן די עשרה קרנות איז לויט כמה גירסאות (מדרש תהלים באבער ספע"ה) דא אויך קרן דוד, ווי ס'שטייט "שם אצמיח קרן לדוד" (תהלים קלב, יז), און ווי מ'זאגט אין די תפלות פון

- ר"ה -

לכאו"א השייך ל"קהלת יעקב".

**דוד המלך:**

ענינו של דוד המלך הוא — ספר תהלים. ומכיון שעיקר ההדגשה בזה היא **אמירת** תהלים, מובן, שזהו ענין השייך **לכאו"א** מישראל, גם לאנשים פשוטים, ולאידך — ישנו בזה העילוי דלימוד ענינים הכי עמוקים שבתורה, "נגעים ואהלות" (כנ"ל ס"ה), ענין השייך ל"ראשיכם שבטיכם".

**והבעש"ט:**

ענינו של הבעש"ט הוא — גילוי פנימיות התורה ע"י תורת החסידות, עד לאופן של "יתפרנסון", בהבנה והשגה, ע"י תורת חסידות חב"ד. וענין זה שייך לכאו"א מישראל — שהרי דרכו של הבעש"ט לקרב גם יהודים פשוטים לתורת החסידות. וזהו גם תוכן הענין ש"קבלה" (פנימיות התורה) היא בכלל "מקרא"[80] — והרי לימוד המקרא שייך לכאו"א מישראל, אפילו זה שלא ידע מאי דקאמר[81]. ולאידך — יש בזה את כל העומק והפנימיות ד"נשמתא דאורייתא", עד לתכלית העילוי — כפי שלומדים זאת "ראשיכם שבטיכם".

**ט.** ויש להוסיף בזה, שג' הענינים שבחג השבועות, משה רבינו דוד המלך והבעש"ט, הם באופן ד"חוט המשולש", כלומר, לא שלשה חוטים, כי אם חוט (ענין) אחד שהוא "משולש", שזהו העילוי ד"משולש" לגבי "שלישי" — ענין אחד, שבו כלולים גם הראשון והשני (ועי"ז נעשה ענין השלום כו').

כלומר: חידושו של הבעש"ט — השלישי — בגילוי תורת החסידות אינו דבר **נוסף** על עניניהם של משה רבינו ודוד המלך, כי אם גילוי הפנימיות דענינים אלו, שעי"ז נפעל בהם תוספת חיות כו'.

והענין בזה:

פנימיות התורה שנתגלתה בתורת החסידות היא "נשמתא דאורייתא", היינו, הנשמה והפנימיות דנגלה דתורה, ומזה מובן, שע"י חידושו של הבעש"ט בגילוי תורת החסידות, נפעל תוספת חיות ועילוי בלימוד נגלה דתורה — ענינו של משה רבינו.

וכמו כן מובן שע"י חידושו של הבעש"ט בגילוי תורת החסידות נפעל תוספת חיות ועילוי בענינו של דוד המלך — עבודת התפלה, אמירת תהלים, וכידוע[82] הסיפור עד כמה הפליא הבעש"ט בגודל העילוי דאמירת תהלים, ובמיוחד — אמירת תהלים של אנשים פשוטים, ובפני מי הפליא הבעש"ט את הדבר — בפני תלמידיו המיוחדים, החבריא קדישא, כידוע פרטי הדברים

80) לקו"ת ויקרא ה, ג. שה"ש ג, ג. 81) לקו"ת ויקרא שם,ב. וראה הל' ת"ת לאדה"ז פ"ב סהי"ב. 82) קובץ מכתבים לתהלים ע' 194 ואילך.

**בלתי מוגה**

שבסיפור הנ״ל.

וכמו כן ידוע הביאור[83] אודות תורת הבעש״ט[84] בפירוש הכתוב ״לעולם הוי׳ דברך נצב בשמים״ — פסוק בתהלים[85] השייך לדוד המלך — שענין זה מובא במדרש תהלים על הפסוק, אלא ש״פירש הבעש״ט״[84], היינו, שפירש וביאר זאת (״פאַנאַנדער־געשפרייט״).

ויש לומר שענין זה (שע״י הבעש״ט נוסף עילוי וחיות אצל משה ודוד) מרומז בשמו של הבעש״ט כפי שנקרא בכל תפוצות ישראל — ״בעל שם טוב״:

אמרו חז״ל[86]: ״כתר תורה . . וכתר מלכות, וכתר שם טוב עולה על גביהן״. ובענינו: ענינו של משה רבינו — ״כתר תורה״, ענינו של דוד המלך — ״כתר מלכות״, וענינו של הבעש״ט — כשמו — ״כתר **שם טוב**״.

וזהו הפירוש ד״כתר שם טוב עולה על גביהן״ — מכיון שעל ידו נפעל תוספת עילוי גם ב״כתר תורה״ (משה רבינו) ו״כתר מלכות״ (דוד המלך).

וענין זה — שהבעש״ט הוא בדוגמת ״שלישי״ שבו כלולים השנים שלפניו — בא לידי ביטוי גם לעתיד לבוא:

גילוי והפצת תורתו של הבעש״ט, ״יפוצו מעינותיך חוצה״, פועלת את הגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, הקשורה עם דוד המלך — דוד מלכא משיחא, וכן עם משה רבינו — ״גואל ראשון הוא גואל אחרון״[87].

ולכן, גם ביהמ״ק דלעתיד לבוא, בית המקדש השלישי [״מקדש אדנ־י כוננו ידיך״, דקאי על ביהמ״ק דלעתיד לבוא, ״בזמן שה׳ ימלוך לעולם ועד, לעתיד לבוא שכל המלוכה שלו״[88] — כמוזכר גם בסיום וחותם פרקי אבות שאומרים בשבת שלפני חגה״ש] — אינו בית בפ״ע, אלא בו יהיו גם הבתי־מקדש שלפניו, בית ראשון ובית שני[89], וכמובן גם מפרש״י[90] ״משכן משכן — שני פעמים, רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנין״, והרי ״משכון״ פירושו — שלוקחים אותו למשך זמן בלבד, ולאחרי כן מחזירים אותו **בשלימותו**, ובעניננו — שבביהמ״ק השלישי יחזרו גם בתי־המקדש שלפניו (בית ראשון ובית שני, וכן המשכן) בשלימותם.

**י.** והנה, ג׳ ענינים הנ״ל (משה רבינו דוד המלך והבעש״ט) קשורים גם עם ג׳ העמודים שעליהם העולם עומד, תורה עבודה (תפלה) וגמילות חסדים[91]:

ענינו של משה רבינו הוא — קו התורה.

---

83) לקו״ש ח״ח ע׳ 354 הע׳ 21. 84) שעהיוה״א בתחלתו. 85) קיט, פט. 86) אבות פ״ד מי״ג. 87) ראה שמו״ר פ״ב, ד. זח״א רנג, א. שעה״פ פ׳ ויחי. תו״א ר״פ משפטים. 88) בשלח טו, יז. ובפרש״י. 89) ראה זח״ג רכא, א. 90) ר״פ פקודי. 91) אבות פ״א מ״ב.

**בלתי מוגה**

ובפרט לויט די קביעות פון ש.ז. אז שבועות איז בשבת, וואס די גמ׳ (שבת ל, סע"א) זאגט דאך אז דוד מת בשבת. וכידוע די שקו"ט (ראה ג"כ לקו"ש ח"ח ע׳ 21 ואילך ובהערות 7-8, ובהנסמן שם) צי דאס וואס מ׳זאגט אז דוד מת בעצרת איז א סתירה מיט דעם וואס מ׳זאגט אז דוד מת בשבת, ווארום בזמן שמקדשים ע"פ הראי׳ קען אויספאלן שבועות אין שבת.

און נאך אן ענין איז דא אין שבועות, וואס דאס איז פארבונדן מיטן בעש"ט, כידוע אז די הסתלקות פון דעם בעש"ט איז געווען בשבועות.

זעט מען דאך אז דער ענין פון שבועות איז פארבונדן מיט משה, ווארום שבועות איז דאך דער ענין פון מ"ת, און ס׳איז אויך פארבונדן מיט שבת, ווארום לכו"ע בשבת ניתנה תורה (שבת פו, ב), און ס׳איז פארבונדן מיט דוד, וואס שבועות איז זיין יום הסתלקות, און ס׳איז אויך פארבונדן מיטן בעש"ט וואס שבועות איז זיין יום הסתלקות.

וע"פ תורת הבעש"ט אז פון יעדער זאך וואס איז דא אין וועלט דארף מען ארויסנעמען א הוראה בעיקר ענינו פון א אידן, וואס "אני נבראתי לשמש את קוני" (קידושין בסופה), וואס דאס איז אויך אין יעדער ענין וואס איז דא אין וועלט, עאכו"כ אין אן ענין וואס איז ע"פ תורה, אז תורה איז דאס קובע, און אויך פארבונדן מיט גדולי ומנהיגי ישראל, און ביי זיי גופא אין אן ענין עיקרי - דער ענין פון יום ההסתלקות, איז דאך זיכער אז מ׳דארף דערפון ארויסנעמען א הוראה.

און אזוי ווי בפשטות זיינען דאך די דריי ענינים געווען בזמנים שונים ובמקומות שונים, נאר זיי קומען אלע אין דעם זעלבן טאג, איז דאך פארשטאנדיק אז די הוראה דערפון דארף זיין אין דריי ענינים, אבער זיי דארפן האבן א קשר צווישן זיך.

און וויבאלד אז די אלע ענינים האבן געטראפן בחגה"ש - זמן מ"ת, איז פארשטאנדיק אז די הוראות דארפן זיין בנוגע צו תורה.

כדי צו וויסן די הוראה פון די ענינים, דארף מען זעהן ווי די ענינים זיינען אין ספירות, און דערפון וועט מען וויסן וואו מ׳קען זוכן דעם ביאור אויף דעם אין נגלה.

וואס דער ענין פון משה אין ספירות איז ספי׳ החכמה (אדער אבא); דער ענין פון דוד איז ספי׳ המלכות, וואס דערפאר זאגט מען "דוד מלך ישראל חי וקיים" (ר"ה כה, א), אז אויך איצטער איז ער חי וקיים אלס "מלך ישראל", ווייל ענינו איז ספי׳ המלכות;

און דער ענין פון דעם בעש"ט איז, כידוע (סה"ש תש"ה ע׳ 60) דאס וואס מ׳זאגט אז דער בעש"ט און דער מגיד זיינען די צוויי דרגות אין כתר - עתיק און אריך [און דער אלטער רבי איז חכמה; דער מיטעלער רבי איז בינה, וואס דערפאר איז ביי אים געווען חסידות אין אן אופן פון "רחובות הנהר"; דער צ"צ איז דעה, וואס דאס איז בירור און החלטה בנוגע לפועל, וואס דערפאר האט מען געזעהן בגלוי אז ער האט געשריבן ענינים אין כל חלקי התורה, סיי נגלה סיי חסידות, און ביז אז ווי חסידים זאגן אז דער צ"צ האט געהאט זעקס בנים דערפאר וואס דעה איז מפתחא דכליל שית].

און ס׳איז ניט קיין קושיא ווי זאגט מען אז דער בעש"ט איז כתר ביחס צו משה און דוד - לכאו׳ דאס וואס מ׳זאגט אז דער בעש"ט איז כתר איז דאך דאס נאר לגבי דעם סדר השתלשלות וואס מ׳זאגט אז דער אלטער רבי איז חכמה וכו׳, דארטן זאגט מען אז דער בעש"ט איז כתר, אבער דאס וואס מ׳זאגט אז משה איז חכמה, און דוד איז מלכות, איז דאך לכאו׳ אן אנדער

- ענין -

הנהה הה׳ בלתי מוגה

ענין און אן אנדער סדר?

איז דאך אבער ידוע דאס וואס ס'שטייט אז השתלשלות הכתרים זה מזה (כמבואר בכ"מ), איז דאך דער כתר פון יעדן ענין, פארבונדן מיטן כתר הכללי, וואס דערפאר קען מען זאגן אז דער בעש"ט איז כתר אויך בנוגע צו משה און דוד.

אבער לכאו' איז פארט ניט פארשטאנדיק, ווי קען מען זאגן אז דער בעש"ט איז כתר, און משה איז חכמה, און דוד איז מלכות? ובפרט לויט ווי ס'שטייט אין שו"ע (יו"ד סוסרמ"ב) אז דער וואס וויל זיך גלייכן צו משה'ן איז דא אויף דערויף אן עונש וכו'?

אבער באמת איז דאס ניט קיין קשיא, כמדובר כמ"פ, און ווי מ'זעט דאס אויך אין נגלה, וואס די גמ' (מנחות כט, ב) זאגט אז דער אויבערשטער האט באוויזן משה'ן ווי ר"ע איז יושב ודורש תילי תילין של הלכות, און אזעלכע ענינים וואס משה אליין האט אויך ניט געוואוסט, ביז אז ער האט געהערט ווי ר"ע זאגט אז דאס איז הלכה למשה מסיני, איז נתיישבה דעתו. וואס דערפון זעט מען דאך אז ס'איז דא זאכן וואס משה האט ניט געוואוסט און ר"ע האט דאס געוואוסט.

וואס דאס איז אויך שולל דאס וואס אנדערע ווילן דאס פארענטפערן, אז די ענינים וואס ר"ע האט גע'דרש'נט האט דאס משה געהערט פון דעם אויבערשטן שפעטער, ווייל ביי משה'ן איז דאך צוגעקומען נאך ענינים אין תורה, ווארום דאס וואס נסתמו ממנו מעינות החכמה, איז דאך געווען ווען ער איז געווען אלט הונדערט און צוואנציק יאר (וילך לא, ב ובפירש"י), אבער ביז דעמולט איז ביי אים צוגעקומען ענינים אין תורה ע"ד ווי א מעין, קען מען דאך לכאו' זאגן אז דאס האט משה געלערנט שפעטער (ע"ד ווי מ'זאגט אז פ' נחלות איז געזאגט געווארן לסוף ארבעים, ועד"ז עוד ענינים) -

מ'קען אבער אזוי ניט זאגן, ווארום לפי"ז איז ניט מובן פארוואס האט מען געדארפט אנקומען צו דעם וואס ר"ע האט געזאגט אז דאס איז הלכה למשה מסיני, כדי ס'זאל זיין נתיישבה דעתו, ס'האט דאך געקענט זיין נתיישבה דעתו דורך א בעסערע זאך; אז מ'וועט אים זאגן אז די ענינים וועט ער אליין לערנען שפעטער?! און וויבאלד אז נתיישבה דעתו איז געווען דוקא דורך דעם וואס ר"ע האט געזאגט אז דאס איז הלכה למשה מסיני, איז דאך פארשטאנדיק אז משה האט אין דערויף ניט געהאט קיין ידיעה (ס'איז נאר געווען הלכה למשה מסיני).

וואס דער ביאור אין דערויף איז: דאס וואס מ'זאגט אז כל מה שתלמיד ותיק עתיד להדש איז ניתן למשה מסיני (נסמן בלקו"ש ה"ד ע' 1088 הע' 10), איז דאס נאר בכללות, און דערנאך קומט דער תלמיד ותיק, און ער איז דאס מגלה מהכלל אל הפרט. און ווי מ'זעט דאס אויך דערפון וואס ס'שטייט אין סדר הדורות (שנת ד"א התק"ל) אז ס'איז מקובל בקדמונים וועגן די מחלוקה פון רש"י מיט ר"ה בנוגע צו תפילין, אז משה האט גע'פסק'נט באופן א', און פונדעסטוועגן איז ד"ת ניט נתפעל געווארן און האט געזאגט ווי ער האט געזאגט.

[און דערפאר קען מען זאגן אז דער בעש"ט איז כתר, און משה איז חכמה, ווייל דער ענין פון כתר ווערט נתגלה מהכלל אל הפרט דורך דעם בעש"ט].

און וויבאלד אז די דריי ענינים הנ"ל זיינען אין שבועות, דארפן זיי זיין פארבונדן מיט דעם ענין פון תורה; וואס דער ענין פון משה ווי

- דאס -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

דאס איז אין תורה, איז דאס דער ענין פון לימוד התורה און הבנה והשגה אין תורה, ווארום זיין דרגא איז דאך חכמה, וואס חכמה איז כולל אויך די ענינים פון בינה - הבנה והשגה, און דעת.

און ענינו של משה איז דער ענין התורה לעצמה, ניט דער ענין פון מצוות, ווי מ'זעט דאס דערפון וואס די גמ' (סוטה יד, א) זאגט אז משה האט געוואלט אריינגיין אין א"י (ניט צוליב לאכול מפרי' וכו', נאר) כדי ער זאל קענען מקיים זיין די מצוות התלויות בארץ, וואס דאס איז עיקר הענין פון מצווה - ער איז אבער ניט אריין אין א"י, ווייל זיין ענין איז ניט דער ענין פון מצוות נאר דער ענין פון תורה.

ועפ"ד כללות החילוק צווישן דור המדבר מיטן דור שנכנסו לארץ, אז דור המדבר איז ענינו געווען - תורה, משא"כ דור שנכנסו לארץ איז זיין ענין געווען - מצוות. ועד"ז איז דאס לגבי משה אליין, און אין תורה גופא איז ענינו ווי תורה איז מצד עצמה, און ניט ווי תורה איז פארבונדן מיט וועלט - פסק'נען הלכות וכו', נאר עצם הענין פון תורה.

משא"כ דער ענין פון דוד איז ספי' המלכות, וואס זיין ענין איז געווען כיבוש הארץ [וואס אע"פ אז כיבוש הארץ האט זיך אנגעהויבן ביי יהושע, האט זיך דאס אבער געענדיקט דורך דוד, וואס דערפאר איז גלייך נאך דוד, האט געקענט זיין דער בנין ביהמ"ק, וואס "ממנו אורה יוצאת לכל העולם" (ירושלמי ברכות פ"ד ה"ה. וראה מנחות פו, ב), דורך די "חלוני שקופים אטומים" (מ"א ו, ד)].

וואס דער ענין פון א מלך איז דאך "אשר יצא לפניהם גו'" (פנחס כז, יז), אז ער דארף באזארגן כל עניני העם, און ווי די גמ' (ברכות ג, ב) דערציילט אז בשעת אידן האבן געדארפט האבן פרנסה, האבן חכמי ישראל געזאגט צו דוד אז עמך ישראל צריכין פרנסה, איז אה"נ אז חכמי ישראל האבן דאס גע'פסק'נט, אבער זיי האבן דאס אליין געזאגט דוד'ן, אז וויבאלד אז עמך ישראל צריכין פרנסה, במילא דארפסטו זיי באזארגן מיט פרנסה.

און דערפאר זעט מען אויך אז דוד האט געהאט מלחמות, ביז אז מ'זאגט אויף אים "דם לרב שפכת" (דה"א כב, ח) [וואס ביי משה'ן איז דאס געווען אין אופן פון מנוחה "קומה ה' למנוחתיך" (תהלים קלב, ח), אע"פ אז ס'איז אויך געווען "ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך" (בהעלותך י, לה), אבער ס'איז געווען דער בירור בדרך מנוחה, משא"כ ביי דוד איז געווען בדרך מלחמה].

ועד"ז איז דער ענין פון דוד ווי דאס איז אין תורה - ניט דער עצם הענין פון הבנה והשגה אין תורה, נאר ווי תורה איז פארבונדן מיט מעשה, לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא וכו', און דערפאר זאגט מען אויף דוד "וה' עמו שהלכה כמותו" (סנהדרין צג, ב), אז זיין ענין אין תורה איז פסק'נען הלכות - ווי דער ענין פון תורה איז פארבונדן מיט וועלט.

און ווי מ'זעט אויך בנוגע צו יהונתן ודוד, אז זיי קענען זיין די בעסטע גוטע פריינד, אבער ווען ס'קומט צו אן ענין של הלכה, זאגט מען אויף דוד אז "ה' עמו שהלכה כמותו בכל מקום", וואס דאס איז דער ענין פון דוד אין תורה - ניט תורה מצ"ע (אזוי ווי משה), נאר ווי תורה איז פארבונדן מיט וועלט - פסק'נען הלכות.

וואס דורך א פסק הלכה למעשה ווערט עס אזוי אויך אויפגעטאן אין וועלט, כמבואר אין אוה"ת (במדבר ע' קע) אז בשעת דער אויבערשטער האט געזאגט בעשה"ד "לא תרצח" האט דאס אויפגעטאן אין וועלט, ועד"ז בנוגע

- "לא

הנחה הת' בלתי מוגה

"לא תגנוב" ועד"ז בנוגע אלע ענינים פון תורה, ועד"ז בשעת א איד לערנט תורה כדבעי, תורה לשמה, און פסק׳נט א הלכה - ווערט אזוי אויפגעטאן אין וועלט בדרך ממילא;

אבער בערך פון לימוד התורה אין אן אופן פון <u>חכמה</u> - הייסט דאס ניט קיין ענין של מנוחה (נאר אן ענין של מלחמה).

וואס דאס איז אויך דער ענין פון "דם לרב שפכת" ווי דאס איז בנוגע צו תורה, ווארום אין תורה קען דאך זיין אלו אוסרים ואלו מתירים (יבמות יג, ב) און אעפ"כ איז אלו ואלו דא"ח (עירובין יג, ב), און אויך ווען ס׳איז דא א הוה אמינא אדער א קושיא, איז דאך דאס אויך תורה ווארום דער דין איז דאך אז ווען איינער לערנט א קושיא אדער א הו"א אין תורה, דארף ער אויך מאכן ברכת התורה, אבער דאס איז אלץ ווי תורה איז מצד עצמה, משא"כ ווען ס׳קומט צו הלכות, קען מען דאך ניט פסק׳נען די הלכה ווי בײדע שיטות - איז דורך דעם וואס מ׳פסק׳נט א הלכה, דארף מען דאך <u>שולל</u> זיין און מבטל זיין די צווייטע סברא (אדער די קושיא, אדער דעם ורמינהו וכו׳), און וויבאלד אז דאס איז דאך "דברי אלקים חיים", און מ׳איז דאס מבטל, איז דאס ע"ד "שופך דם האדם", וואס דאס איז דער ענין פון "דם לרב שפכת" ווי דאס איז אין תורה.

וואס אין לימוד התורה זיינען דא צוויי אופנים: א) לימוד התורה לעצמה, וואס דאס איז ענינו של משה; ב) לימוד התורה לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא. וואס דער צווייטער אופן איז בידור בדרך מלחמה, אין אן אופן פון לשנות טבע מדותיו - די שבע מדות, וואס דאס איז דער ענין פון כיבוש ארץ ז׳ אומות, וואס נתנה להם און דערנאך נטלה מהם ונתנה לנו, וואס דער כיבוש איז געווען ע"י דוד, וואס זיין ענין איז געווען ספירת המלכות, וואס רגלי׳ יורדות כו׳.

און דער ענין פון בעש"ט איז דער ענין פון כתר, און אין כתר גופא איז דאס הפץ - פנימיות הרצון, וואס דאס איז דער ענין פון תענוג, וואס דער חילוק צווישן רצון מיט תענוג איז, כידוע הפתגם פון רבי׳ן מהר"ש אז רצון ברעכט און תענוג ציט צו.

און דאס איז אויך וואס מ׳זאגט אין תיקון ליל שבועות וואס דער ענין פון תיקון איז דאך מתקן זיין און צוגרייטן אלע ענינים צו מ"ת אז רשב"י זאגט "אנן <u>בחביבותא</u> תליא מילתא" (זח"ג קכח, א), וואס ביז דעמולט איז געווען דער סדר ווי מ׳זאגט אין די הפטורה פון שבועות "ה׳ שמעתי שמעך <u>יראתי</u>" (חבקוק ג, ב) - דער ענין פון יראה, און דערנאך איז געווארן דער ענין וואס "אנן <u>בחביבותא</u> תליא מילתא", וואס דאס איז דער ענין וואס תענוג ציט צו, דער ענין פון אהבה.

און ער איז מדייק דארטן "<u>אנן</u> וכו׳", ניט נאר ער אליין, נאר ער זאגט דאס אויך צו זיינע תלמידים, ווי ער ברענגט דארטן די פסוקים "ואהבת את ה׳ אלקיך" (ואתחנן ו, ה), און "מאהבת ה׳ אתכם" (שם ז, ח), און "אהבתי אתכם אמר ה׳" (מלאכי א, ב).

וואס דער ענין פון אהבה איז נתגלה געווארן צו אלע אידן דורך דעם בעש"ט, וואס ענינו של הבעש"ט איז געווען דער ענין החביבות, ווי מ׳זעט דאס פון די תורה הידועה אין דעם ענין פון די דריי אהבות: אהבת ה׳, אהבת התורה, און אהבת ישראל.

און דאס איז אויך פארבונדן מיט תורה, כידוע אז דער בעש"ט איז געווען א באהלפער צו א מלמד תינוקות, און ער פלעגט ברענגען די קינדער אין חדר, און פון חדר, זיי זאלן לערנען תורה, "הביאני המלך חדריו",

- און -

און זאגן מיט זיי אמן, און אמן יהא שמי׳ רבא.

וואס דערפון זעט מען אז עיקר ענינו פון דעם בעש"ט איז געווען נים דער ענין פון הבנה והשגה, נאר דער ענין פון כתר.

און דאס איז אויך דאס וואס ער זאגט אין אגה"ק (סכ"ה) אז די וואס האבן געשריבן דעם בעש"ט'ס תורות, איז דאס געווען נאר "לקוטי בתר לקוטי ולא ידעו לכוון הלשון על מתכונתו" (ווארום ער האט געזאגט אויף אידיש וכו׳), וואס יעדער ענין איז דאך בהשגח"פ, איז פארוואס טאקע לא ידעו לכוון וכו׳ - איז דאס דערפאר וואס עיקר ענינו איז נים הבנה והשגה, נאר דער ענין פון תענוג.

און דערפאר זעט מען אויך אז רובם בכמות פון זיינע תורות [ווארום באיכות קען מען דאס איינגאנצן נים אפשאצן] זיינע הוראות ברורות בנוגע דעם ענין פון די דריי אהבות: אהבת ה׳, אהבת התורה, און אהבת ישראל.

און אע"פ אז דער בעש"ט איז געווען גרוים אויך אין דעם ענין פון הבנה והשגה אין תורה, וכידוע ווי דער אלטער רבי האט מפליא געווען די גדלות פון מגיד אין הבנה והשגה אין תורה, און דער מגיד האט מפליא געווען די גדלות פון בעש"ט אין הבנה והשגה אין תורה, אעפ"כ איז עיקר ענינו געווען דער ענין החביבות.

וואס דאס איז די הוראה פון די דריי ענינים וואס ס'זיינען דא אין שבועות: דער ענין וואס איז פארבונדן מיט משה, וואס דאס איז דער ענין פון הבנה והשגה אין תורה, אז ביי יעדעדער דארף זיין דער ענין פון משה - הבנה והשגה אין תורה, און דערפאר זאגט מען אויף יעדער ת"ח "משה שפיר קאמרת" (חולין צג, א ובפירש"י), אז ער ווערט אנגערופן משה;

עד"ז דארף זיין ביי יעדערער דער ענין פון דוד אין תורה - ווי תורה איז פארבונדן מיט פסק'נן הלכות, וואס דאס איז דער ענין פון כיבוש העולם, ווארום דורך דעם וואס מ'פסק'נט אפ הלכות ווערט דער "לא-ל גומר עלי", אז מ'איז משנה מציאות העולם, כדאיתא בירוש׳ הידוע (נדרים פ"ו ה"ח), ע"ד ווי דאס איז געווען כפשוטו ביי דוד, אז דורך דעם וואס דוד איז געזעסן און געלערנט תורה, איז יואב געווען על הצבא און האט מנצח געווען;

ועד"ז דארף זיין ביי יעדערער דער ענין פון דעם בעש"ט, אז ס'זאל זיין דער ענין החביבות - דער ענין פון אהבה, און אין די דריי אהבות: אהבת ה׳, אהבת התורה, און אהבת ישראל.

און דורך דעם וואס עס ווערט דער יפוצו מעינותיך פון תורת הבעש"ט, ווערט דער קאתי מר בלכא משיחא, וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט משה וואס ער איז גואל ראשון און גואל אחרון (ראה שמו"ר פ"ב, ד), און דאס איז אויך פארבונדן מיט דוד, וואס דוד מלכא משיחא, און ס'ווערט די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ובקרוב ממש.

ז. ווי גערעדט כמ"פ די תורה פון בעש"ט (היום יום ע׳ נב) אז פון יעדער ענין וואס א איד זעט אדער הערט, דארף ער ארויסנעמען א הוראה אין עבודת ה׳, וואס דאס איז עיקר ענינו, ווארום אני נבראתי לשמש את קוני. וואס אזוי איז בכל השנה כולה, עאכו"כ בחג השבועות, וואס דאס איז די הילולא פון בעש"ט [ווי גערעדט פריער וואס דער אלטער רבי זאגט אין אגה"ק, אז דעמולט שטייען זיינע ענינים ביתר שאת ויתר עז], דארף מען זיכער ארויסנעמען א הוראה פון יעדער פרט בנוגע חג השבועות, און פון די קביעות מיוהדה פון חגה"ש בשנה זו.

- וואס -

<u>הנחת הה׳ בלתי מוגה</u>